ב צ ב ו ר - --> בציבור.

ק.נ.?

ב צ ד ק |בעצעדעק| - אדוו. (לל) מיט גערעכטיקייט,
מיט יושר. % זאלסט משפטן דיין חבר בצדק.

ער איז א צדיק בצדק - (איר...) וועגן איינעם
וואס איז א קנאפער צדיק ( די סאטירע איז געבויט 7/בי-976
אויף דעם ווארט 'בצדק' ווי א ראשי-תיבות פון
די ווערטער: (ב)ין ז (צ)ו (ד)ער (ק)עשענע) .

1911 " זאג זשע מיר, ווי אזוי מאכט דאס ווארט בצדק?
מאכט: ביז צו דער קעשענע" א. גידער, 8
אנעקדאטען, אדעס, ז' 27.

ב צ וו א ה |בעצאַוואָע| - אדוו. לויטן פארזאג
פון א מענטשן וואס איז געשטארבן. % דעם מינהג
האבן מיר בצוואה פון אונדזערע זיידעס און עלטער-
זיידעס. די שטאָט אין דער גקויסער שול האט ער
בצוואה פון זיין פאטער ע"ה.

ב צ וו ת א |בעצאַוותע| - אדוו. (לל) אין א גרופע,
און קאָמפאניע. % זיי נעמען זיך אפט צונויף בצוותא
און זינגען יידישע פאלקסלידער. בצוותא ארבעט ז
זיך גאר פריילעכער.

0 בצוותא חדא |~ כאַדע| - (לל) אין איין
קאמפאניע, צוזאמען, בחבֿרותא.

1968 " בצוותא חדא מיט יוסף פאפיערניקאוו, מיט יעקב
שטאָל ז"ל, |...| און נאך, האט געשפאנט דער יונגינקער 16
דיכטער-חלוץ אברהם לעוו". י. צ. שארגעל, זש' גק,
נ' 62-63, ז' 326.

ב צ ו ר ת =|בעצוראס=| - ערשטער טייל פון א צאל

אדוו פר. (לל) אין דער פארעם, געשטאלט פון...

% דער נאצי-קאמענדאנט איז געווען א בעסטיע בצורת-

מענטש.

17 ... " בהמה בצורת-פערד". שע, אלע ווערק VI, ז' 236.

... " ניט אכטנדיק אויף זיינע שיינע בגדים איז ער

בר דאך א מאלפע בצורת-אדם". יהואש, פאבלען.

... " און די מחנה איז געווען בצורת משולש,

בר א דרייעק אויף גאנצע מיילן". פרץ, נחמנקעס

מעשיות.

ב צ י ב ו ר |בעציבער| - אדוו. 1. צוזאמען מיט

נאך (א סך) מענטשן, מיט אן עולם מענטשן, אין א

קאָלעקטיוו. % ס'איז געקומען א חברה בחורים און

מיידלעך און מען האט געזונגען בציבור ביז שפעט אין

דער נאכט.

1912 " אין דער צייט איז צווישן זיי פארגעקומען א

5 פילאזאפישער דיספוט, ניט בציבור, נאר פּריוואט".

זשיט, שריפטן III, נ"י, ז' 25.

1940 " אין ארבעט פון מענטשן בציבור איז עלית-נשמה ".

24 מבא, דער גייער, נ"י, ז' 130.

1959 " דער ליטעראַרישער קריטיקער קריגט זיין מאטעריאל

26 |...| אליין, ביחידות, נישט בציבור, ווי דער

וואס שרייבט וועגן טעאטער". שנ, קריטיק |...|,

ב"א, ז' 267.

2. (ספעצ וועגן דאווענען) מיט א מנין.

... " ר' לייב דער מלמד איז זיך |...| אוועק דאווענען

25 בציבור, איבערשמועסן |...| וועגן אונדזער ענין".

ממוס, אין א שטורעם-צייט, ז' 27.

1935 " |...| זענען געזעסן אפגעשלאסענע אין די
דירות און פארמיטן צו דאווענען בציבור, נישט
אנצוקוקן די געמיינע לייט |...|". באש,
דער שטן |...|, קאנק 33.

1957 " דעם ערשטן טראט וואס א ייד דארף מאכן |...|
איז אין בית-מדרש זאגן א קאפיטל תהילים און דאווענען 28
בציבור". לדב, נ"י, ז' מ"ט.

|| בציבורדיק |בעציבערדיק| - אדי/אדוו. דזוו דפוו.
% א בציבורדיקער יום-טוב.

1971 " מיר האבן אנגעהויבן צו טאנצן די בציבורדיקע
'הורה' און זינגען מיט באגייסטערונג און התלהבות". 36
י. כץ, יזב זלאטשעוו, ת"א, ז' 203.

0 בציבור-פאנד - דער, =ן - ? [אוו טייטשט עס:
mutual fund].

ב צ י ם - ---- ביצים. (?ג?)

ב צ י מ צ ו ם |בעצימצעם| - אדוו. ( לל)
1. באַגרענעצט, באשרענקט צו א מינימום, קנאפ,
שפּאָרעוודיק. % לעבן בצימצום. פרנסה בצימצום.
זיי קומען אויס בצימצום מיט דעם קליינעם פארדינסט,
מוזן זיך רעכענען מיט יעדן גראשן.

1833 " זייך פרנסה איז אוך גאר בצומצום |...|".
איבז ר' משה בר' נתן נטע, הרב אליהו הכהן האיתמרי 47
|...| שבט מוסר, תקצ"ג, פרק כ', דף מט - II.

1866 " די זעלבע האַרבאַטע יידעלעך, וואס לעבן פון דער
לופט און האַרעווען |...| אויף א קערבל אבי בצימצום 87
צו לעבן און נאך אפשפאַרן פון רבינס וועגן אויף
א פדיון |...|". קמ, נ׳ 50, ז׳ 767.

" פרנסה האט ער געהאט בצימצום, קוים-קוים 1916
דורכגעקומען". שע, פונ׳ם יאריד, ז׳ 243. 78

1962 " האט מען א גאנצע וואך געגעסן בצימצום,
נאר דאנערשטיק איז אנטשטאנען א גאנצער פראבלעם: 84
ווו נעמט מען אויף שבת?". ה. בראנפמאן,
יזב זוויהיל |...|, ת"א, ז׳ 86.

2. (וועגן ריידן, שרייבן) קאנדענסירט, שפּאָרעוודיק
אין די ווערטער. % דער רעפערענט איז זיך נוהג צו
רעדן בצימצום, ניט מאריך צו זיין סתם אין דער
וועלט אריין. אין פראטאקאל איז איבערגעגעבן
בצימצום דער תוך פון דער גאנצער דיסקוסיע.

1932 " דא אין דעם חיבור האב איך די אידעאלן
פון דער יידישער רעליגיע בצימצום פארשריבן". 79
ד. פינק |...|, רעיונות והשקפות, פיעטריקאוו-
ווארשע.

|| בצימצומדיק |בעצימצעמדיק| - אדי/אדוו.
דזוו דפוו. % בצימצומדיקע רייד. זיין דיעטע
איז גאר א בצימצומדיקע, ווייל ער מוז אראפנעמען
א סך איבעריקע וואג.

1964 " ווי ס׳ווערט אזוי בצימצומיק שיין
|...| געזונגען אין איינס פון א. לעיעלעסעס 49
לידער". י. שפיגל, זש׳ גק, נ׳ 49, ז׳ 85.

0 בצמצום גדול |~ גאָדל| - אדוו פר. (לל)
דזוו בצימצום, עמפאטישער.

ם 1732 " דער מיך אינפארמירט |...| שבעל הדבר |...|

81 זער בצמצום לעבט, ממש פת במלח". אגרת שלמה,

וואנזיבעק, דף ט"ו – א.

ב צ י נ ע ה |בעצינע| – אדוו, פֿאַ בצנעא, (לל)

באהאלטענערהייט, ניט פאר אלעמען אין די אויגן,

ניט עפֿנטלעך. % עס זיינען דא זאכן וואס א מענטש

דארף טאן בצינעה און ניט בפרהסיא.

1887 " היתכן, דער קאָרטן-שפּילער, וואס רייכערט אום

110 שבת ניט נאָר בצינעה און איז מחלל שבת בפרהסיא,

איז א ת"ח-מלמד?". בקי בן יגלי, ייפאל, נ׳32,

ז׳ 528.

1932 " האט אים איטלעכער געהאלטן פאר אן אמתן קאצאפ...

109 בצנעה אבער האט ער דווקא יא אפגעהיטן יידישקייט,

ווי ווייט ער האט נאר געקאנט". י. ל. שפירא,

דער אידישער גייסט – תקיעת שופר, מונקאטש.

1973 " אבער בצנעא, ביחידות, איז ער פארטאן אין גאך

108 א קאמף: ער ראנגלט זיך מיטן הימל". א. י. העשל,

זש׳ גק, נ׳ 78, ז׳ 71.

ב צ י ר ו ף |בעציירוף| - אדוו. (לל) איך איינעם(מיט),
בייגעלייגט (צו), מיט א צוגאב(פון).
% בצירוף צום בריוו האט ער געקריגן
אויך אן אנווייזונג אויף געלט.

1886 " |...| ווען דער דרוקער בצירוף הזעצער זענען
מסכים, מעג מען דרוקן". ייפאל, נ׳ 38, ז׳ 623. 53

... " עט, אן אלטע פאלשע מטבע! מיט דער אמתער
בצירוף כלי-בית און א ביסל בגדים". פרץ, שטעט 52
און שטעטלעך.

ב צ ל ם |בעצעלעם| - אדוו. אין (דער) געשטאלט, אין
(דעם) פורעם. % בצלם פון עמעצן/עפעס.

1961 " זוכנדיק געטלעכקייט און נישט זייענדיק
אימשטאנד צו זען זי אלס אן איינהייט אין אן 64
אומערדישן געשטאלט, האט דער מענטש געשאפן זיינע
אפגעטער נישט בצלם אלקים נאר בצלם פון ערדישע
באשעפענישן". א. גילער, טמז, VII/24.

1965 " האט ער געהאט די אמביציע איבערצופורעמען דאס
גייסטיקע אמעריקאנער יידישע לעבן בצלם פון דער 63
הארוואַרדער קולטור". ש. מארגאשעס, טמז, III/6.

0 בצלם אלהים/אלקים |~עלאָהים/ עלאָקים| - אדוו פר.
אין דער געשטאלט פון גאט.

1930 " נישט דערצו איז דער מענטש באשאפן געווארן
בצלם אלקים, נישט דערצו ער זאל זיך דערווייטערן 67
פון מענטשן". אפֿאַ XI, ווילנע, ז׳ 256.

" יאָ, מעשי-בראשית האבן ניט אויפגעהערט - ער 1960
באשאפט דעם מענטשן יעדע רגע בצלם אלהים". 65
ב. ריווקין, א גלויבן פאר אומגלויביקע, נ"י, ז׳ 27.

<u>בצלם הקב"ה</u> |~ האַקאָדויש-באָרוך-הו| - <u>אדוו פר</u>.

<u>דזוו דפוו</u>.

186... " אונ איבר דעם אבר מוז ער |דער מענטש|
נאך איין מאל מגולגל ווערן ביז ער ווערט מושלם אין
גאנציין מיט זייני אברים דען אזוי הייסט ער 71
(<u>בצלם אלהים</u>) אבר אז אפילו איין אֵבֿר גייט אים אפ
הייסט ער ניט <u>בצלם הקב"ה</u>". <u>נחלת צבי</u> III, זשיטאמיר,
דף קנ"ג - <u>III</u>.

1883 " אבר אז אפילו איין אבר גייט אים |דעם בעל-מום|
אפ, הייסט ער ניט <u>בצלם הקב"ה</u>". <u>נופת צופים</u> I,
ווילנע, ז' צ"ה - <u>II</u>.

<u>בצלם ודמות</u>|בעצעלעם אודמוס| - <u>אדוו פר</u>, <u>פפ</u> <u>בצלמו ודמותו</u>
|בעצאַלמוי אודמוסוי|. <u>(לל)</u> אין דעם פורעם און
געשטאלט (פון גאט).

"[...] מכ"ש [טאר מען ניט [illegible]] לשון הרע צו 1817
רידן אויף איין מענטשן דר איז בשאפן געווארן 70
(<u>בצלם ודמות</u>) דש ברענגט אלץ וועז מן רעט פיל".
<u>ספר חסידים</u>, סימן ל"ד.

~~1958 " |...| אמונה אז דער מענטש שאפט גאט בצלמו~~
~~ובדמותו". א. מארעווסקי, זש גק, 29, ז' 70.~~ 74

1973 " צייטנווייז ווילן מיר טאקע הערן, אז אלע
מענטשן זיינען באשאפן געווארן <u>בצלמו ובדמותו</u> |...|". 73
<u>מורג I</u>, נ"י, ז' 51.

ב צ מ צ ו ם - ---> בצימצום.

ב צ נ י ע ו ת |ביצניעס| - אדוו. (לל. עלט) באשיידן,
אָנשטענדיק, ניט פארשייט, ניט אויסגעלאַסן.

1836 " אויך זאלין דיא ווייביר האלטין זייערי
טעכטיר דיא מיידן אין דער היים בייא טאג אונ בייא 106
נאכט, אונ זייא זאלן זיך בצניעות האלטין אז וויא
זייער מוטר, דען דאש ברענגט זייא צו איין גיוואוינטקייט".
לט 2, דף 9 - II.

1883 " |...| ברענגט אויף דאס טישל בצניעות,
עס זאל ניט זיין בחרפה פאר די שלוחים של מלך". 99
נופת צופים II, זשיטאמיר, ז' 275 - I.

1935 " ביז איצט האב איך געטריבן פון די עלטערן
וואס ווילן די קינדער זאלן זיך פירן בצניעות". 97
ח. י. מאליך, נחלת יעקב, סאטמאר.

ם 1612 " דרום זאל איטליכש גיווארנט זייך דז ער אדר
זיא זאלן זיך מתנהג זייך בצניעות |...|". תקנות
חכמי ומנהיגי ק"ק פראג, שע"ב, ציט י. ריבקינד,
רשומות, תרפ"ו, ת"א, ז' 351.

1723 " אונ' זאלן [די ווייבער] האלטן זיך [בשעת
באהעפטונג] בצניעות אזו קאנן זיא פון הימל אראב ציהן
איין הייליגי רייני נשמה". ס' דרך תמים, זאלקווא,
קאנק 8/221.

ב צ נ ע א - ---> בצינעה.

ב צ נ ע ה - ---> בצינעה .

בצרבי - ציבור |בעצארכע-ציבער| - מיט די
נויטן פון קהל, פון דער געזעלשאפט( געניצט אין
אויסדרוק עוסק |אויסעק| זיין בצרכי-ציבור -
פארנעמען זיך מיט קהלשע ענינים, זארגן פארן כלל).

1898 " איבער הויפט האבן גאר געקוואלן די יונגע-לייט,
די קעסטקינדער |...|. זיי האבן עפעס באקומען א 115
באשעפטיקונג, זיי זענען עוסק בצרכי-ציבור".
נ. ה. ניימאנאוויץ (הנ"ץ). דיא ביידע הערשעלס,
ווארשע, ז' 45.

1968 " |...| בעת אנדערע |...| טראכטן בלויז וועגן
זיך, איז ער |יאנקל| אך עוסק בצרכי-ציבור". 116
חג, צמח אטלאס II, נ"י, ז' 238.

1732 " דוא זאלשט ניט לייכטליך דיא וואש בצרכי ציבור
ערבצט זייך |...|". עיון יצחק, בערלין, דף 53-II. 116